STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01395

UNTERERDISHE OYTSRES

F. Berje

Permanent preservation of this book was made possible
by Betty & George Levinson
in honor of
their grandchild Ariel Ilene Berkower, whom they love dearly

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאטור און מענטש

זאַמלונג פון פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ווערק

די אונטערערדישע אוצרות

I

זאַלץ און נאַפט

באַאַרבעט לויט ניעטשאַיעוו

פ. בעריע

וואַרשע, 1922

Skarby podziemne / Sól i nafta / Opracował według Nieczajewa F. Berje.

Drukarnia I. Hendlera, Warszawa, Długa № 26.

זאַלץ

I

באַ די קאַרפּאַטן, נישט ווייט פון קראָקע, געפינט זיך אַ קליין שטעטל — וועליטשקע. קיין רייכע פּאַלאַצן, דענקמעלער, גערטנער, פּאַבריקן זענען אין דעם שטעטל נישטאָ, נאָר וועליטשקע איז באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט. אין די דאָזיקע ערטער ליגט באַהאַלטן אין דער ערד אַ גרויסער פּאַך זאַלץ, ריינע קלאָרע זאַלץ, ווי אייז... מענטשן באַקומען פון דאָרט אַרויס דעם זאַלץ און צעפירן אים אין פאַרשיידענע זייטן פון דער וועלט. גאַנץ אָפּט קומען אַהין רייזנדער צו באַטראַכטן דאָס שטעטל און דערציילן פּלאַי פּלאַים פון די אוצרות אין וועליטשקע.

הונדערטער אַרבעטער האַקן אויס דעם זאַלץ, אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט. אין דער ערד זענען דאָרט אויסגעגראָבן אַכט טיפּע שאַכטעס (ברונימער). אין אַלע זייטן ציִען זיך פון זיי קאָרידאָרן, וואָס פירן אין די זאַלן, ווו מען האַקט דעם זאַלץ. די קאָרידאָרן לאָזן זיך אַראָפּ אין דער טיף, פירן אַרויף און ליגן אייגס אויפן אַנדערן אין אכט שטאָק. גאַנץ וועליטשקע איז אונטערגעגראָבן, און די גריבער ציִען זיך ווייט, ווייט איבער די גרענעצן פונם שטעטל. די הייל שטעלט מיט זיך פּאָר אַ גאַנצע שטאָט מיט גאַסן, פעלדער, הייזער... הויכע זאַלן, פּראַכטפולע קלויסטערס, סטאַטועס — אַלץ איז דאָרט אויסגעהאַקט פון זאַלץ...

אויף אַראָפּצולאָזן די אַרבעטער, זענען געמאַכט ווינדעס, נאָר ניט לֿאַנג צוריק האָט זיך דאָרט אַזאַ זאַך גערעכנט פֿאַר אַ ווֹילטאָג. צו דעם ציל האָט געדינט אַן איינפֿאַכע שטריק מיט עטלֿעכע קניפּן. די אַרבעטער פֿלֿעגן נעמען אין די הענט צו פֿייערן, פֿלֿעגן זיך זעצן אויף די קניפּן און, האַלטנדיק זיך אָן דער שטריק, פֿלֿעגן זיי פֿלֿיִען אַראָפּ אין אָפּגרונט. וויפֿל אומגלֿיקן האָבן געקוקט אויף דעמדאָזיקן לֿעבעדיקן לֿייכטער! פֿון אַ נישט געלֿונגענעם ריר פֿלֿעגט מען פֿאַרלֿירן דאָס גלֿייכגעוויכט און פֿלֿיִען אַראָפּ. אַ מאָלֿ פֿלֿעגט דער שטריק נישט אויסהאַלטן, און די גאַנצע פֿאַרטיע פֿלֿעגט אומקומען. מען פֿלֿעגט זיך אויך אַראָפּלֿאָזן אין קוישן. אין זיי פֿלֿעגט זיין באַקוועמער, נאָר דער קויש פֿלֿעגט זיך וויגן און יעדע מינוט אָנקלֿאַפּן זיך אָן וואַנט פֿון דער שאַכטע. היינט לֿאָזט מען זיך אַראָפּ מיט אַ ווינדע. גאָר באַקוועם איז זי איינגעאָרדנט פֿאַר געסט און באַזוכער. אַז מען זאָלֿ פֿאַרהיטן די קלֿיידער פֿון זאַלֿציקן שטויב, טוט איר אָן אַ לֿאַנגע ווייסע בלֿוזע און לֿאָזט זיך אין וועג אַריין... עס פֿאַרשווינדט פֿון די אויגן די לֿיכטיקע וועלֿט, און עטלֿעכע מינוט פֿלֿיט איר אין אַ געדיכטע פֿינצטערניש. נאָר אָט הויבט אָן פֿון אונטן אַדורכשיינען אַ בלֿייכער שטראָם שטראַלֿן; די שיין גייט פֿון דער הייל. אין דער טיף פֿון 22 קלֿאַפֿטער שטעלֿט זיך די ווינדע אָפּ...

פֿאַר אייך איז אַזוינס, וואָס איר האָט נאָך קיינמאָלֿ ניט געזען; איר זענט אין אַ פּראַכטפֿולֿן אונטערערדישן שלֿאָס. דער סופיט, די ווענט, די פּאָדלֿאָגע זענען אויסגעהאַקט פֿון זאַלֿץ, ריין און קלֿאָר, ווי קרישטאָלֿ. פֿאַר אייך ציט זיך אַ לֿאַנגע גאַלֿעריע. איר מאַכט אין איר אַ פּאָר טריט און בלֿייבט שטיין, ווי אַ געלֿיימטער... איר זענט אין אַ הויכן קלֿויסטערזאַלֿ. גיגאַנטישע זיילֿן האַלֿטן אונטער דעם האַלֿב רונדיקן סופיט. איבערן אַלֿטאַר הענגט אַ לֿייכטער, און באַם אַריינגאַנג

שטייען צוויי מלאכים, אויסגעהאַקט פון ווונדערלעכן ראָזן זאַלץ. אַזאַ זאַלץ פלעגט מען אַמאָל אין וועליטשקע אויסגראָבן זייער פיל, נאָר אַציינד איז עס שוין אַ זעלטנהייט. היינט באַנוצט מען אַזאַ זאַלץ ווי אַ טייערן שטיין און מען באַפּוצט מיט אים רינגלעך, בראַלאָקן א. אַ. חפצים. דעם קלויסטער פון אונטן ביז אַרויף האָט אויסגעשלאָגן אַ פרומער זאַלצגרעבער. אַמאָל פלעגן דאָ פאַר=



אַ קלויסטער=זאַל אין די זאַלצגריבער פון וועליטשקע

קומען גאָטעס=דינסטן, און אין דעם זאַלצלייכטער פלעגן ברעבען טויזנטער פייערן... צום באַדויערן איז היינט דער זאַל, די זיילן און די ראָזע מלאכים באַדעקט מיט רויך פון די באַזוכערס פייערן. איר גייט אַרויס פון קלויסטער=זאַל און לאָזט זיך ווייטער איבער דער גאַלעריע. אַ ליכטיק פינטעלע אין דער ווייט ציט צו אייער אויפמערקזאַמקייט... דאָס פינ=

טעלע וואַקסט און וואַקסט... און פּלוצלונג רייסט זיך אַרויס פון אייער ברוסט אַ געשריי פון פאַרוואונדערונג: איר זענט אין אַ גרויסן זאַל. עס רינגלען אייך אַרום ריזיקע זיילן; פונם הויכן סופיט לאָזט זיך אַראָפּ אַ מאַסיווער לייכטער, אויסגעהאַקט פון איין שטיק זאַלץ. דער באַגלייטער טראָגט צו פייער, עס פלאַמען אויף די ליכט, און דער זאַל ווערט באַגאָסן מיט ליכטיקייט... אַלץ אָטעמט מיט כּישוף, עס וווּנדערט און רייצט דאָס אויג... דער באַגלייטער דערציילט אייך, אַז אַמאָל זענען דאָ פאָרגעקומען גרויסע בעלער, אַז נישט זייער לאַנג האָט מען דאָ אָנגעצונדן אַ וווּנדערלעכן פייערווערק, אַז אַ סך באַרימטע פּערזענלעכקייטן זענען דאָ געווען, אַז קיסרים האָבן דאָ געטאַנצט און זיך לוסטיק געמאַכט...

פאַרטיפט אין געדאַנקען פאַרלאָזט איר דעם פאַרכּישופטן שלאָס און גייט ווייטער מיטן קאָרידאָר; ער לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און איר דערגרייכט דעם לעצטן שטאָק. אַ וווּנדערלעך בילד עפנט זיך אויף פאַר אייך. איר זענט אין אַ ווילדן גראָט. דער סופיט פאַרלירט זיך אין פינצטערניש, און ביי אייערע פיס ליגט אַ שוואַרצע אָזערע. די ברעגן זענען באַשאָטן מיט הייפלעך זאַלץ. אַ פאַרשטיקטער ווידערקול חזרט איבער אייערע ווערטער. עס באַווייזן זיך אויפן וואַסער די אַריבערפירער. איר שיפט זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט. שטיל שווימט דער פּאַראָם; די רויטע שיין פון די פּייערן גיסט זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש; די לאַנגע פיגורן פון די באַגלייטער אין די ווייסע העמדלעך ווערן באַלויכטן — די מענטשן זען אויס ווי מתים, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פון די קברים. דער פּאַראָם בלייבט שטיין. איר גייט אַרויס אויפן ברעג און זעט שלענגלדיקע לייטערס, וואָס ציִען זיך אַרויף. אין אויבערשטן שטאָק וועט איר ווידער געפונען רחובֿדיקע זאַלן און לאַנגע גאַלעריעס. דאָרט וועט איר אויך

זען די אַרבעטער, וואָס האַקן דעם זאַלץ. אין אַלטע פּאַר־וואָרפענע גאַלעריעס זענען איינגעאָרדנט שפּייכלערס און שטאַלן פאַר פערד, וועלכע נאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן ציט מען אַרויף אין דער הויך, צו אָטעמען מיט פרישע לופט. דער באַגלייטער וועט אייך דערציילן פון די אומגליקן, וואָס זענען פאַרלאָפן אין וועליטשקע. איר וועט זיך דערוויסן פון שרעקלעכע שרפות, וואָס האָבן ניט איינמאָל שוין געבושעוועט



אַן אונטערערדישע אָזערע אין וועליטשקע

אין די גריבער; דאָס פייער האָט זיך געצויגן איבער די הילצערנע אונטערשפּאַרונגען פון די גאַלעריעס, און די שטאָט, וואָס איז געלעגן אין דער הויך, אויף דער ליכטיקער וועלט, איז געווען אין געפאַר איינגעזונקען צו ווערן. מענטשן זענען געלאָפן ווי משוגע, זוכנדיק אַן אַרויסגאַנג, דאָס פייער האָט זיי אָבער פאַרצוימט דעם וועג. אין איין שרפה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט אַ 70 יאָר צוריק, זענען אַלע אַרבעטער אומ־

געקומען, דערשטיקט פון רויך אָדער פאַרבערענט פון פייער. די זאַלץ־גריבער האָבן געברענט חדשים לאַנג און די אַרבעט איז דאָרט געווען אָפּגעשטעלט. געטראָפן האָבן אין וועליטש־קע אויך פאַרפלייצונגען, פון וועלכע עס זענען אומגעקומען פיל מענטשן.

אַ מידער פון די פאַרשיידענע איינדרוקן, הויבט איר זיך אויף אין דער הויך; די אונטערערדישע גריבער מיט אַלע זייערע וואונדער זענען געבליבן אונטן, נאָר דאָס, וואָס איר האָט געזען, וועט לאַנג ניט אַרויס פון אייער זיכרון.

דאָס זאַלץ, וואָס מען באַקומט אַרויס אין וועליטשקע צעגייט זיך ווייט פון זיין היים און שפייזט מיליאָנען מענטשן.

נאָר פון וואַנען האָט זיך עס גענומען דאָס זאַלץ אונ־טער דער ערד? אַמאָל איז אין דידאָזיקע ערטער, ווו איר האָט שפּאַצירט, איבערראַשט פון די אונטערערדישע געביידעס און פון דעם, ווי מען האַקט דעם זאַלץ, דאָרט איז אַמאָל געווען אַ טויטער ים מיט געזאַלצן ביז ביטערקייט וואַסער. עס זענען נעלאָפן יאָרן... זיי זענען אַ דורך צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער. דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל אין געשטאַלט פון לייכטן דאַמף, דאָס זאַלץ אָבער איז געפאַלן אויפן גרונט. דער ים איז סוף כל סוף אויסגעטרוקנט געוואָרן, און דעם ווייסן פאַך זאַלץ האָט דער ווינט פאַרטראָגן מיט ליים און זאַמד. עס איז געוואָרן פון אויבן פרוכטבאַרע ערד, עס האָבן זיך אויף איר צעבליט וועלדער און פעלדער. ערשט אין אַ צייט אַרום האָבן די מענטשן געפונען אונטער דער ערד דעם זאַלץ און האָבן דאָרט איינגעאָרדנט די גריבער מיט אָט די אַלע וואונדערלעכע זאַכן.

II

געזאַלצענע אָזערעס, פון וועלכע מען באַקומט זאַלץ,

זענען דאָ אויף דער ערד זייער פיל. אין רוסלאַנד געפינט זיך אַזאַ אָזערע אין געגנט פונם קאַספּישן ים, בײַם פוס פון באַרג באָגדאָ. די אָזערע הייסט באַסקונטשאַק. ווייט אַרום ציט זיך אַ סטעפּ, אין וועלכן עס וואַנדערן קאַלמיקן. די טרוקענע גראָז אין סטעפּ איז אויסגעברענט פון דער זון. זעלטן טרעפט זיך צווישן די שיטעוודיקע זאַמדן אַ מענטשלעכער ישוב. נאָר פּראַכטצוגן ציִען זיך דורך מיט אַ סאָפּעריי און געטומל. דאָס



אונטערערדישע שפּײַכלערס

פאָרן זיי צו דער אָזערע נאָך זאַלץ. דאָס בלייענע וואַסער אין באַסקונטשאַק איז ווי אויסגעגאָסן פון גלאָז. דער ווינט וויגט דאָס וואַסער, נישט אויפהויבנדיק קיין טראָפּנס. דער ברעג איז באַשאָטן מיט זאַלץ, ווי מיט ווייסן שניי, און גלאַנצט אויף דער זון, ווי מיט פייערדיקע פינקען. אַרום זעט מען ניט קיין גרע-זעלע, נאָר זאַמד און זאַמד, און אַ היץ — נישט אַריבערצו-טראָגן. דער שטויב, דורכגעמישט מיט זאַלץ, עסט די הויט און ברענט אין די אויגן. טרויעריק איז דער טויטער מידבר,—

טרויעריק זענען אויך די מעשהלעך פון די וואַנדערנדיקע קאַלמיקן. אַ לעגענדע דערציילט אַזוי: אַמאָל, אַמאָל האָבן זיך געלאָזט צוויי פרומע קאַלמיקן אין דער ווייטער דזשונגאַריע, צו בוקן זיך פאַר די הייליקע בערג טיאַן=שאַן. א סך טעג און נעכט זענען זיי געגאַנגען דורך די מידבריות און סטעפּעס. נאָר אַט האָבן זיך באַוויזן אויפן בלויען האָריזאָנט די נעפּלדיקע ליניעס פון די בערג. אָט האָבן זיי אָנגעהויבן ווערן שאַרפער און שאַרפער. אין הייליקן עקסטאַז זענען די וואַנדערער געפאַלן אויף דער ערד און האָבן הייס מתפּלל געווען צו בודאַ. זענען זיי אויסגעוועון אין די שפּאַרעס פון טיאַן=שאַן, האָבן זיך אָפּגעוואַשן פון די זינד מיט געבעט און תעניתים און האָבן באַקלערט אַ גרויסן אויפטו: זיי האָבן באַשלאָסן צו ברענגען אַ היים אַ שטיין פון דעם הייליקן באַרג. האָבן זיי אויסגעבראָכן אַ ריזיקן פעלדז, האָבן אים אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס און זענען אוועק אַ היים. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער שווערער וועג. די זון האָט געבריט די וואַנדערער מיט אירע הייסע שטראַלן; טייכנווייז האָט פון זיי גערינען דער שווייס און, פאַרמאַטערט אונטער דער שווערער משא, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לעסטערן דעם הייליקן שטיין. האָבן דאָס נישט אויסגעהאַלטן די הייליקע געטער און האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף די גייערס דעם פעלדז. די קאַלמיקן זענען אומגעקומען און דער שטיין, וועלכן זיי האָבן געטראָגן, איז געוואָרן דער באַרג באָגדאָ. פאַלנדיק, איז ער באַשפּריצט געוואָרן מיטן בלוט פון די וואַנדערער און דערום איז ער ביז היינטיקן טאָג פון איין זייט רויט. עס זענען פאַרביי אַ סך יאָרן. איינמאָל איז דאָרט דורכגעפאָרן דער דאַליי=לאַמאַ. (דער דאַליי=לאַמא איז דער גרעסטער גלח ביי די, וואָס גלויבן אין בודא, ער רעכנט זיך פאַרן ערדישן גאָט). האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן הייליקן באַרג מיטאָג עסן, און די שיריים

פון זיין געזאַלצענעם שפייז האָט ער אויסגעגאָסן אויף דער ערד. פון דעם איז געוואָרן די אָזערע באַסקונטשאַק.

איבער דער אָזערע שטייט שטענדיק אַ ווייסע פּאַרע: דאָס דעמפּט זיך אויס דאָס וואַסער; דאָס זאַלץ אָבער, וואָס איז געווען אין דעם וואַסער צעגאַנגען, פאַלט אראָפּ אויפן גרונט. אז מען שטעלט אריין אין דער אָזערע א שטעקן, ווערט ער אין עטלעכע טעג ארום באַדעקט מיט הונדערטער קליינע



אַ בעטער באַם האַקן זאַלץ

בלישטשענדיקע קרישטאָלעכלעך. אז מען לאָזט אראָפּ אין וואסער א האנט, ווערט זי גלייך באדעקט מיט א פאך זאלץ, ווי מיט א הענטשקע. אין א שלעכטן וועטער טראָגט זיך דער ווינט איבער דער אָזערע און יאָגט אָפּ דאָס וואסער אין איין

זייט אריין. דעמאָלט קען מען זען דעם נאקעטן גרונט פון דער אָזערע: ער איז באדעקט מיט א דיקן פאך זאלץ. ווי טיף דער פאַך איז, — דאָס ווייסט קיינער ניט. דאָס זאלץ איז זיך אָפגעשטאנען אויפן גרונט אין משך פון הונדערטער יאָרן.

מענטשן גראָבן ארויס דאָס זאלץ און צעפירן עס אין שטעט און שטעטלעך, ווייט פון זיין היים. די ארבעטער טו-ען דערביי אָן לאנגע שטיוול און געסמאָלעטע העמדלעך און זעצן זיך אין שיפלעך. זיי פאָרן אָפּ אביסל פון ברעג און ברעכן אויס דאָס זאַלץ מיט אייזנס. די קליידער פארטיידיקן זיי שוואך און דאָס זאלץ עסט אָפּ די הויט פון זייער קער-פער. די גליִענדיקע זון ברענט דעם קאָפּ און ארום איז ניטאָ קיין טראָפּעלע פריש וואסער.

א סך אזעלכע אָזערעס זענען דאָ אין יענעם געגנט. א סך זענען שוין אויסגעטרוקנט געוואָרן און דאָס זאלץ ליגט דאָרט אויף דער ערד, ווי ווייסער שניי. דער ווינט יאָגט אויף דעם אָן זאמד און באגראָבט דעס זאלץ אלץ טיפער און טיפער.

לעבן דער שטאָט אָרענבורג ליגט אין דער ערד א פאך זאלץ, אפשר דער רייכסטער אויף דער וועלט, וואָס ציט זיך $1\frac{1}{2}$ וויאָרסט אין דער לענג אין 2 וויאָרסט אין דער ברייט, און וויפל דער פאך האלט אין דער טיף, דאָס ווייסט קיינער נישט. אָבער אמאָל, אמאָל, אין די אלטע, אלטע יאָרן, ווען אויף דער ערד איז נאָך אפשר קיין מענטש ניט געווען, איז אויף דעם אָרט געווען אן אָזערע מיט גע-זאלצענע ביטערע וואסער. עס זענען אריבער טויזנטער יאָרן. דאָס וואסער האָט זיך אויסגעטרוקנט און דאָס זאלץ איז גע-בליבן אויף דער ערד, דערנאָך באשאָטן געוואָרן מיט זאמד. איצט איז אויף דעם אָרט א שטעטל, אין וועלכן עס וווינען די מענטשן, וואָס גראָבן אויס דעם זאלץ.

III

א סך זאַלץ באַקומען מענטשן אויך פון ים. די טרוקעניש איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט ימען, און פיל אוצרות געפונען זיך אין זייערע טיפענישן. פּערל, קרעלן, וואָס מען באַקומט אַרויס פון די ים־אָפּגרונטן, דינען דעם מענטשן אַלס א ווילטאָג, זאַלץ אָבער איז א באַדערפעניש, דאָס דאַרפן אַלע האָבן. די ים־וואַסער איז טאַקע נישט געשמאַק



ווי מען באַקומט זאַלץ פון ים־וואַסער

און נישט גוט צום טרונקען, אין איר געפינט זיך אָבער אומ־ויסשעפּבאַרע מאַסן זאַלץ. ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן אויס־צושעפּן דאָס גאַנצע וואַסער פון די ימען און אויסקאָכן עס, וואָלט מען באַקומען אַזוי פיל זאַלץ, אַז מען וואָלט עס נישט אויסגענוצט אין הונדערטער יאָרן. פון לאַנג האָבן זיך שוין מענטשן דערוווּסט פון די רייכטימער פון ים און פון לאַנג האָט מען זיך שוין אויסגעלערנט אַרויסצובאַקומען זאַלץ פון ים־וואַסער.

אויף די ברעגן פון אטלאנטישן אָקעאן, פון דעם מיטל־לענדישן און שוואַרצן ימען נוצט מען אויס צו באקומען זאלץ די זומערדיקע היצן. באַ די ברעגן גראָבט מען אויס גרויסע גריבער, וועלכע גייען שטופנוויז: נענטער צום ים — העכער און וואָס ווייטער, אלץ נידעריקער. ווען עס קומען אָן די זו־מערדיקע היצן, לאָזט מען אָן אין דער אויבערשטער גרוב ים־וואסער, די זון דעמפט אויס דאָס וואסער און דאָס זאלץ ווערט אין דעם איבערגעבליבענעם וואסער געדיכטער. דאָס איבערגעבליבענע לאָזט מען אַראָפּ אין א נידעריקערער גרוב. דאָרט דעמפט זיך אויס דאָס וואסער נאָך מער. אין דער דרי־טער, פערטער גרוב הויבט אויפן גרונט שוין אָן זיך אָפּזועצן זאלץ. דאָס זאלץ גראָבט מען ארויס, מען טרוקנט אים אויף דער זון און גייט אין מיסחר. ווי א גרוב ווערט נאָר ליידיק, ווערט אין איר ווידער אָנגעפּאָמפּעט וואסער, און זאלץ באקומט זיך כסדר.

אין די לענדער, וווּ מען קען נישט אויסרעכענען אויף די זומערדיקע היצן, באנוצט מען זיך מיט די ווינטערדיקע פרעסט. פון ים ווערן אָפּגעצויגן טייכן. די פרעסט פארפרערן דאָס וואסער און פארוואנדלען די נישט טיפע אָבער לאנגע טייכן אין שטיקער אייז. דעם אויבערשטן אייז ווארפט מען אוועק, ווייל ער ענטהאלט ריין וואסער, אין דעם אונ־טערשטן אייז אָבער געפונען זיך מאסן זאלץ. אָט דאָס אייז ווערט צעלאָזן אין קעסלען, דאָס וואסער אויסגעדעמפט און מען באקומט ריינעם זאלץ. דאָס קאָכן זאַלץ קאָסט אין יענע לענדער געוויינטלעך נישט טייער, ווייל דאָרט געפונען זיך גרויסע וועלדער און ברען־מאטעריאל איז ביליק.

דאָרט, וווּ מען וויל אי איינשפּאָרן הייץ מאטעריאל, אי נישט ווארטן אויף די ווינטערדיקע קעלטן, נוצט מען אויס צום אויסדעמפן — די לופט. יעדער ווייסט, אז אין לופט דעמפט זיך אויס וואסער, אויפן ווינט נאָך בעסער. עס ווערן

דערום איינגעאָרדנט שאָפּעס, ד. ה. שפּייכלערס אָן ווענט, ווו דער דאך האלט זיך נאָר אויף קלעצער. אין די שפּייכלערס, וואָס הייסן גראַדירהייזער, זענען געמאכט פּאָליצעס, אויף וועלכע עס זענען אָנגעלייגט הויפנס ריטלעך. די ריטלעך ווערן באגאָסן מיט געזאלצן וואסער פון ים אָדער אָזערע. צוליב דעם, וואָס די ריטלעך ליגן נישט פעסט צוגעדריקט איינס צום צווייטן, נעמען זיי אויף זיך אָן זייער א סך וואַסער. דער ווינט יאָגט דורך די ריטלעך פריי דורך און דעמפט אויס א טייל פונם וואסער. דאָס איבעריקע וואסער, וועלכע ענטהאלט זייער א סך זאלץ, גיסט זיך אראָפּ אין א ספּעציעלער גרוב אונטער דעם גראַדירהויז. מיט זייער ווייניק באהייצונג ווערט דאָס איבעריקע וואסער אויסגעדעמפט און מען באַקומט ריינעם זאלץ.

דער קוואל פון זאלץ איז א ים. נאָר ימען בלייבן נישט אייביק ימען. דער, וואָס ווינט נאָר אויף איין אָרט, אין זיינס א ווינקעלע, דער קען נישט באמערקן די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער נאטור. די ענדערונגען קומען פאָר פּאַמעלעך און זענען אזוי נישט באמערקבאר, ווי מען באמערקט נישט יעדן ריר פון דעם ווייזער אויפן זייגער. אזא ווייזער גייט אָפּ אין גאנצע הונדערט יאָר אפשר א צענדליק ווי̇אָרסט. ווען מיר וואָלטן געקענט איבערלעבן הונדערטער, און נאָך בעסער, טויזנטער יאָרן, דעמאָלט וואָלטן מיר איצט באמערקט די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר מיט דער ערד אין משך פון א לאנגער צייט.

טייכן טראָגן מיט זיך אין ים אריין זאמד. פון דעם זאמד בילדן זיך אויס גאנצע אינדזלען. די אינדזלען וואקסן, שניידן אָפּ פון די ימען גאנצע מאסן וואסער און פאַרוואַנדלען זיי אין געזאלצענע אָזערעס.

די זון, דער ווינט דעמפן אין די אָזערעס אויס דאָס וואסער, ביז זיי ווערן אויסגעטרוקנט און ס׳בלייבט פון זיי

א פאַך ווייסע זאַלץ. דער ווינט האָט אָבער זיין ארבעט נאָך נישט פאַרענדיקט: ער יאָגט אָן אויפן זאַלץ זאמד, און אזוי לאנג, ביז ער באַגראָבט אים אין די טיפסטע טיפענישן.

און אויך דאָרט בלייבט נישט דאָס זאַלץ רויק. מענטשן דערגראָבן זיך צו אים און נוצן אים אויס. און אין בעסטן פאַל, דערקלייבן זיך צו אים רעגנטראָפּנס, וואָס נאָגן אים אויס און טראָגן מיט זיך אוועק, און אזוי ווייט, ביז זיי טראָגן אים ארויס אויף גאָטס ליכטיקע וועלט.

עס מאַכן זיך קוואַלן, וואָס ענטהאַלטן זייער פיל זאַלץ. אזעלכע קוואַלן זענען דאָ אין פּוילן ביי טשעכאָטשינעק, אין דייטשלאַנד לעבן דער שטאָט שטראַסבורג, אין רוסלאַנד — ביי דער שטאָט באַכמוט. אין אזעלכע ערטער מוז שטענדיק ערגעץ אין דער נאָענט ליגן א פאַך זאַלץ. נעמט א גלאָז וואַסער פון אזא קוואַל, (מען קען אזא וואַסער מאַכן קינסטלעך. צעלאָזט זאַלץ אין א גלאָז וואַסער אזוי לאנג, ביז דאָס זאַלץ הייבט שוין אָן אָפּצושטיין. דאָס וואַסער לאָזט דורך דורך א טיכעלע אָדער לעש־פּאַפּיר. איר וועט באַקומען קלאָרע וואַסער, וועלכע ענטהאַלט זייער א סך זאַלץ. אזא וואַסער הייסט זאַלץ־ראָסל) לאָזט דאָס וואַסער פּאַמעלעך זיך אויסטרוקענען און אויפן דנאָ וועט זיך אָפּשטיין זאַלץ־קרישטאָלעלעך. יעדער זאַלצעלע וועט אייך קענען דערציילן זייער א לאנגע און צויבערדיקע געשיכטע פון אירע וואַנדערונגען, א געשיכטע, וואָס וועט זייער ענלעך זיין צו דעם, וואָס איר האָט דאָ איבערגעלייענט.

נאפט

I

וועמען איז דען נישט באקאַנט דער נאפט-לאָמפּ? ווער אויף דער וועלט באנוצט זיך דען נישט מיט נאפט צו באַלייכטונג אָדער אלס הייץ-מאטעריאל? און גאָר ניט לאנג צוריק האָט מען נאָך נישט געוווּסט פון נאפט אלס א ברען-מיטל. איצט אין 1855 יאָר האָט מען אריינגעפירט נאפט-באלייכטונג אין איינעם פון די לעמבערגער שפּיטאָלן און נאָך מיט 3 יאָר שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו באלייכטן מיט נאפט איינעם פון די וואָקזאלן פון דער שטאָט ווין.

וועגן דעמדאָזיקן מינעראל האָט מען באמתן געוווּסט שוין פון אלטע צייטן, מען פלעגט זיך אָבער מיט אים באנוצן אלס אשמירעכץ אָדער הייל-מיטל. וועגן זיין ווונדערלעכע ברען-קראפט האָט קיינער נישט געוווּסט. אין 19 יאָר-הונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן פּרוּוון אויסצונוצן נאפט אלס א באלייכ-טונג, און פון יענער צייט אָן האָט זיך טאקע אָנגעהויבן די נאפט-פּראָדוקציע. אין די גרויע אלטע יאָרן האָט מען שוין אין איניקע ערטער בא די קארפּאטן, באם גראָבן ברונימער, געטראָפן נאפט-אייל. פון 19-טן יאָר-הונדערט אָבער האָט מען אָנגעהויבן אין די ערטער צו מאכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, ארויסצובאקומען דעם נאפט-אייל פון דער ערד. פון אָנפאנג האָט מען געגראָבן מיט איינפאכע גראָב-מכשירים. מען האָט

אפילו דעמאָלט שוין דערגרייכט אַ 100 מעטער טיף. היינטיקע יאָרן אָבער באנוצט מען צו דער ארבעט גראָב־מאשינען. מען דערגרייכט זייער גרויסע טיפענישן, פון וועלכע דער נאפט־אייל ווערט ארויסבאקומען און איבערגעארבעט.

זייער פיל מי, און ערנסטע מי, ווערט אין פוילן אוועקגעגעבן דער נאפט־פּראָדוקציע, און די מי ווערט ווי געהעריק באפרידיקט.

אין 1890 יאָר האָט מען אין פוילן באקומען 91.600 טאָן נאפ־טאייל
〃 1900 „ 〃 〃 〃 〃 〃 347.200 〃 〃
〃 1905 〃 〃 〃 〃 〃 〃 795.000 〃 〃
〃 1909 〃 〃 〃 〃 〃 〃 1.937.000 〃 〃

אין משך פון 19 יאָר איז די פּראָדוקציע פארגרעסערט געוואָרן אין 20 מאָל. דאָך באטרעפט דער פוילישער נאפט 3 % פון דער וועלט־פּראָדוקציע פון דעם זעלבן מינעראל. אין גרויסע מאסן ווערט דער נאפט־אייל באקומען אין רוסלאנד און אמעריקע.

II

הינטער די קאווקאזער בערג, באם סאמען ברעג פונם קאספּישן ים, ליגט די שטאָט באקו. איבער דער גאנצער וועלט איז זי באוווסט מיט איר נאפט. ארום און ארום שלאָגן פון דער ערד מעכטיקע פאָנטאנען פון דער דאָזיקער אייל־פליסיקייט. אין רערן פליסט זי אויף פאבריקן, וווּ מען ארבעט איר איבער אין באקאַנטן נאפט. א סך אזעלכע פאבריקן זענען דאָ אין באקו. פון הויכע קוימענס טראָגן זיך גאנצע וואָלקנס רויך. ארום איז אלץ באדעקט מיט א דיקן פאך סאזשע, אלץ איז שווארץ: מענטשן, הייזער,ביימער און חיות. דער צפונדיקער טייל פון דער שטאָט הייסט טאקע „שווארץ־שטאָט".

שוין פון אלטע יאָרן אָן ציט די שטאָט צו די אויפ־

מערקזאמקייט פון רייזנדער. אהער איז מען געפאָרן צו זען די אייביקע פייערן, וואָס פלעגן זיך ארויסרייסן פון די ערד־טיפענישן און ציען זיך מיט לאנגע צינגער צום הימל... פון ווייטע לענדער זענען אהער געגאנגען מאסן גלויביקע אין אָפּ־גאָט־פייער: הינטער דער שטאָט האָבן זיי אויסגעבויט א קלוי־סטער. טרויעריק ליגן נאָך איצט די ווייסע חורבות, נאָר נאָך גאָר ניט לאנג צוריק פלעגן פאָרקומען אין די פון ווענט טעמפל פרומע תפילות צום גרויזאמען גאָט. שטאָלץ איז געשטאנען



אַ טעמפל דעם אָפּגאָט פייער באַ באַקו

דער קלויסטער אין מיטן פון דעם וויסטן סטעפּ, און אויף די ווינקלען פון זיינע ווענט האָבן געברענט אייביקע פייערן. דער הויף, אין וועלכן אונטער א הויכער חופּה איז געווען אויסגעבויט א מיזבח, האָט אינגאנצן געברענט אין פייערן. באנאכט האָט דאָס אָרט זיך געלויכטן אויף ווי ווייט, און די איינפאכע געביידע פונם קלויסטער האָט אויסגעזען ווי א פאר־כישופטער פאלאץ. שטראָמען פייער, דאָ בלייך־געלע, דאָ רוי־

טע, האָבן זיך געצויגן מיטן ווינט. בא א שטארקן שלאָג פון ווינט פלעגן זיי זיך לעשן, אָבער אין א רגע ארום נאָך הע־לער און נאָך פראכטפולער אויפפלאמען. און נישט נאָר אין קלויסטער, אין דער גאנצער געגנט ארום, פלעגן אמאָל ארויס־רייסן זיך פון דער ערד ארויס פלאַקערנדיקע פייערן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביי דער ערד ווי פארכישופטע שלאנגען. און אפילו היינט איז דאָס ניט קיין זעלטענע דערשיינונג ארום באקו. די פייערן רויכערן נישט, — ליכטיק, ווי גאָלד, ציִען זיי זיך ארויף צום הימל. דאָס ברענט אַ גאַז, וואָס רייסט זיך דורך פון אונטער דער ערד. די צייטן פון די געטשנדינער זענען אריבער. קיינער האלט היינט ניט די אייביקע פייערן פאר אן אָפּגאָט; פארקערט, מענטשן באנוצן זיך עזותדיק מיט דעם גרויזאמען גאָט.

נאָך וואונדערבארער זענען די פייערן, וואָס צינדן זיך אָן אויפן ים. איבערן וואסער שווימען גאנצע רינעס פון פעטן נאפט־אייל מען ווארפט אין זיי אריין פייער, און אין א מינוט צינדט זיך אָן דער גאנצער ים. איר פאָרט אין א ים פון פייער! הינטער אייך ציִען זיך פייערדיקע צינגען און וועלן אייך נאָכווינקען ווי לאנג, ביז א שטארקער שלאָג פון ווינט וועט זיי ניט פארלעשן. דער נאפט־אייל רינט מאסנווייז צום ים, אייניקע שטראָמען ווערן אויסגעברענט, אנדערע באווייזן זיך ווידער.

די געגנט ארום באקו איז אן אמתע מלוכה פון נאפט. נאפט־פארע טראָגט זיך אין דער לופט. פון אלצדינג שפירט זיך נאפט. מיט נאפט איז דורכגעזאפט דאָס זאמד. ארום איז נישטאָ קיין געוויקסעלע. די וואסערן טויגן ניט צום טרינקען, מען שפירט אין זיי נאפט. די גאזן, וואָס געפונען זיך דאָ אין גרויסע מאסן אונטער דער ערד, ווירקן אויף די קוואלן פון די ארומיקע געגנטן. דער קלענסטער קוואל מאכט אָן גרויסע

הזיקות און מיט זיינע „אויסבּרוכן" דערמאָנט ער אָן אַן אמתן ווולקאַן. און דאָס קומט פאָר נאָר צוליב דער נאָנטקייט פון



אַ נאַפטפאָנטאַן בּאַ בּאַקו

נאַפט און בּרען=גאַז. שטעלט אייך פאָר, אַז די גאַזן, וואָס רייסן זיך אַרויף פון די ערד=טיפענישן טרעפן אויף זייער

וועג אַ פּאַך וואַסער. פאַר די גאַזן ווערט אָפּגעשניטן דער וועג און זיי הויבן אָן זיך אָנצוזאַמלען אונטערן וואַסער. די גאַזן דריקן אַלץ שטאַרקער אויפן וואַסער, און אַזוי לאַנג, ביז זיי וואַרפן עס אַרויס מיט קראַפט אויף דער ליכטיקער וועלט. דורכרייסנדיק זיך אַדורך די ערדישע בערג־מינים, שפּריצט דאָס וואַסער אַרויף, ווערט צעפאַלן אין אַ וואָלקן פון וואַסער טראָפּנס. אויף דער ערד אַראָפּ פאַלט אָבער ניט קיין וואַסער, נאָר אַ רעגן פון פליסיקע בלאָטע. אָפט פאַלט אַזאַ בלאָטע אָן אין גרויסע מאַסן און פליסט ווי אַ טייך, פאַרפלייצנדיק אַלץ, וואָס עס טרעפט זיך אים אין וועג. פון דער בלאָטע, ווי פון ווירקלעכע וווּלקאַנישע לאַווע, קלייבן זיך אָן אויף די ערטער פון די אויסברוכן גרויסע בערג. „סאָפּקעס". דער נאַפט און די גאַזן, וואָס פליִען צוזאַמען מיט דער בלאָ־טע, צינדן זיך אָפט אָן און געבן צו דעם בילד אַ גרויזאַמען אויסזען.

פונקט ווי אמתע וווּלקאַנען, קענען די „סאָפּקעס" אויס־בילדן נייע אינדזלען. אַזאַ נייגעבוירענער אינדל האָט זיך באַוויזן אין 1861 יאָר. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף „טורקמען", וואָס האָט דעם אינדזל אַנטדעקט, דערציילט אין זיין ראַפּאָרט פאָלגענדיקס: דעם 7 מאַי, האָב איך באַמערקט אַ נייעם אינ־דזל, וועלכן איך האָב ביז דעם טאָג ניט געזען. ארויסזעצנדיק זיך אויף אים, האָב איך געפונען, אַז דער אינדזל באַשטייט פון שטיקער ערד, פאַרגליווערטע נאָר פון אויבן, אונטן אָבער נאָך הייסע. עס איז קלאָר, אַז דער אינדזל איז נישט לאַנג געוואָרן, נאָך בולטער איז עס צוליב דעם, וואָס דאָ און דאָרט רייסן זיך אַרויס פון אונטער דער ערד ברענענדיקע גאַזן". דאָס מזל פון דעם שטיקל האַרטע ערד איז אָבער גע־ווען ניט קיין גוטס. נישט לאַנג האָט דער אינדזל אויסגעהאַלטן. שוין צום 20 יולי פון זעלביקן יאָר האָט אים דער ים שטאַרק אַרומ־

געשווענקט און אין אַ יאָר אַרום איז ער פאַרשווינדן געוואָרן.

ווי גרויזאַם עס זענען אָבער נישט די אויסברוכן פון סאָפּקעס, האָבן זיי גאָרניט קיין געמיינזאַמעס מיט וווּלקאַנישע דערשיינונגען. די אָרטיקע איינוווינער רופן טאַקע די בלאָטע — לאַווע, נאָר זיי טוען עס אַזוי, ווייל זיי האָבן נאָך קיין אמתע לאַווע ניט געזען.

„נישט אַלץ וואָס גלאַנצט, איז גאָלד", זאָגט אַ ווערטל. און דאָס קען מען זאָגן וועגן די בלאָטיקע „לאַווע" פון די סאָפּקעס.

III

נאָך אין די 70־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז אַרום באַקו געווען נאָר עטלעכע נישט טיפע ברונימער נאַפט. מען האָט דאָרט נישט געהערט קיין פאַבריקס פייפלען, אַרום איז נישט געווען קיין לעבן, קיין באַוועגונג. און ווי פאַרענדערט איז פון יענער צייט געוואָרן די געגנט! די מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט לעכערן טיפע ברונימער. און פון זיי שלאָגט דער נאַפט ווי פון אַ פאָנטאַן. דער נאַפט פליט הויך צום הימל און ווערט צעשאָטן אין טויזנטער טראָפּעלעך. אין אַ מעת־לעת ווערט פון די פאָנטאַנען אַרויסגעוואָרפן עטלעכע הונדערט טויזנט פוד פליסיקייט. אין אַן אויגנבליק ווערן פול די אַלע צוגעגרייטע גריבער, און דער נאַפט צעגיסט זיך אַרום און בילדעט אָזערעס, אויף וועלכע מען קען זיך שיפן אין אַ שיפל. מיטן נאַפט רייסט זיך אַרויס פון אונטער דער ערד זאַמד און שטיינער, זיי פאַלן אָן ביי די פאָנטאַנען אין הויכע בערגלעך, ווערן אָפט פאַרוואָרפן אין שטאָט אַריין און פאַרשיטן די דעכער פון הייזער. נישט געדאַכט זאָל זיין, אַז אַ פונק זאָל אַריינפאַלן אין אַזאַ שפּריצנדיקן פאָנטאַן. עס ווערט אַ שרעקלעכע שׂרפה. הויך צום

הימל שפּרינגט אויף אַ פייערדיקער סלופּ. דער ווינט כאַפּט אונטער דעם פלאַם און באַגיסט די גאַנצע געגנט מיט אַ פייערדיקן רעגן. איינלעשן אַזאַ שרפה איז נישט מעגלעך. עס געדויערט אַזוי לאַנג, ביז אַ שטורם לעשט נישט אויס דאָס פייער אָדער עס ברענט אויס דער גאַנצער נאַפט.

איינע פון אַזעלכע שרפות האָט געטראָפן אין סעפּטעמ־בער 1903. עס האָט געברענט אַ גרויסער פאָנטאַן. מיטן נאַפט פלעגט פון דאָרטן שפּריצן אויך וואַסער. די לופט איז דע־רום געוואָרן פול מיט שטיקנדיקן רויך, און די פּאַרע, דער־הויבנדיק זיך אַלץ העכער און העכער, האָט באַצויגן דעם הימל מיט געדיכטע וואָלקנס. צייטנווייז פלעגט זיך בייטן זייער ווייסער קאָליר אויף געל. דאָס האָבן געמאַכט די ברוי־זעלעך נאַפט, וואָס פלעגן מיטגעשלעפּט ווערן מיט דער פּאַרע. די טראָפּעלעך זענען אין אַ ווײַלע אַרום צוזאַמענגעגאָסן גע־וואָרן און אויף דער ערד איז געפאַלן אַ רעגן פון נאַפט. אין באַקו זענען די שויבן, די הייזער, די טירן, — אַלץ איז דאָרט באַדעקט געוואָרן מיט טראָפּנס נאַפט. די טראָטואַרן און דער ברוק זענען געווען פייכט, און נישט קוקנדיק אויף די גרויסע היצן, איז דער נאַפטדעק נישט שנעל אויסגעטרוקנט געוואָרן... די שרפה האָט געדויערט אַ גאַנצן חודש.

אַרום באַקו איז דאָ אַזוי פיל נאַפט, אַז אָפט ברענט מען אים בכיון אויס, כדי מען זאָל קענען בויען נייע ברו־נימער. איין אַזאַ אָזערע האָט געברענט עטלעכע טעג כסדר.

דער ערשטער גרויסער ברונעם איז דאָ געווען אויסגע־גראָבן אין 1873 יאָר. פון דאַמאָלסט באַווייזט זיך איין פאָנ־טאַן נאָכן אַנדערן, איינער גרעסער פונם אַנדערן, איינער פון אַנדערן מעכטיקער. די קראַפט פון אַ שלאָגנדיקן פאָנטאַן איז אַזוי גרויס, אַז עס איז פּשוט נישטאָ קיין מיטלען אים אָפּ־צושטעלן. איינמאָל האָט זיך אויף אַן אָרט אַרויסגעריסן אַזאַ

שטראָם נאפט, אז מען האָט אַזעלכעס נאָך קיינמאָל ניט געזען, עס איז געווען אַ מורא, אַז דער שטראָם זאָל ניט פאַרפלייצן די גאנצע געגנט און פארשיטן אלע ארומיקע ברונימער מיט זאמד. די דערשראָקענע מענטשן האָבן זיך געפרווט צו פאר־האלטן דעם שטראָם. מען האָט אים צוגעדריקט מיט אַ טשוגונ־בלעך, נאָר דער פאָנטאן האָט דורכגעריסן דאָס טשוגון ווי אַ שטיקל פאפיר און האָט ווידער געפלייצט מיט דער זעלבער



אַ שרפה פון נאפט־פאָנטאַנען.

ווילדער קראפט. מען האָט די עפנונג פארוואָרפן מיט שטיינער, נאָר זיי זענען צוריק ארויסגעוואָרפן געוואָרן, און אזוי הויך, אז פאלנדיק האָבן זיי איינגעלייגט געביידעס און פארוואונדעט מענטשן. עס איז געווען אוממעגלעך אָפצושטעלן דעם פאָנטאן, ער האָט טאקע געשלאָגן גאנצע צוויי חדשים און איצט שפע־טער, ווען ער איז שוין געוואָרן שוואַך, האָט זיך איינגעגעבן

אים צו פארשטאָפּן מיט טשוגונענע בלעכן. ארום איז אלץ געווען פארפלייצט מיט נאפט און באשאָטן מיט זאמד. די שכנותדיקע אָזוערס זענען איבערפילט געוואָרן און האָבן פאַרפלייצט די פעלדער. אָנשטאָט רייך צו ווערן, איז דער אייגנטימער פון פאָנטאַן בדלות געוואָרן: ער האָט געמוזט באצאָלן די אלע היזקות, וואָס דער שטראָם האָט אָנגעמאכט.

פון די ברונימער פליסט דער נאפטאייל אין באזונדערע קעסלען, אָדער אין גריבער וואָס זענען אויסגעלייגט מיט שטיינער. פון דאנען ווערט ער דורך רערן אַריינגעפּאָמפּעט אין די פאבריקן, ווו מען ארבעט אים איבער אויף ברענגאפט, בענזין און פארשיידענע איילן, וועלכע מען באנוצט צום שמירן מאשינען.

אזעלכע פאבריקן זענען אין באקו דאָ זייער פיל און בילדן גאנצע קווארטאלן און גאסן. נאפט נעפינט זיך דאָרט אין די מיליאָנען פודן. און עס איז פארשטענדלעך, אז די אָפטע אומגליקן פון „שווארץ־שטאָט” זענען שרפות. עמיצער באגייט זיך נישט פאָרזיכטיק מיט פייער, עמיצער ווארפט אוועק אַ נישט אויסגעלאָשענעם פאפּיראָס, און עס צעפלאקערט זיך א שרפה. עס פלאמען אויף די גרויסע קעסלען, זייערע טשוגונענע ווענט האלטן נישט אויס דעם דרוק פון דער פארע און פלאצן מיט א שרעקלעכן הילך. דער ברענענדיקער נאפט טראָגט זיך ווי א פייערדיקער שטראָם, כאפט ארום אנדערע קעסלען, גיסט זיך ארויס אויף דער גאס און צינדט אונטער הייזער. נישט זעלטן דערגייט אזא ברענענדיקער שטראָם ביז א פאָנטאן. עס ווערט א ים פון פייער, אין וועלכן עס קומען אום הונדערטער מענטשן און חיות

IV

ווייטע רייזעס מאכט דער נאפט פון זיין היים. איבער

דער וואָלגע פירט מען אים אין באַזונדערע באַרקעס, וועלכע ווערן אָנגעגאָסן פול. מיט דער באַן גייט ער אין ספּעציעלע וואַגאָנען-קעסלען — ציסטערנעס. אין אסטראכאַן און צאַריצין זענען דאָ מעכטיקע קעסלען ווו מען האַלט מיליאָנען פודן נאפט. אין די ביידע שטעט זענען אויך דאָ פאַבריקן, נאָר דאָרט אַרבעט מען אויס פון דעם נאַפטאַייל נישט קיין ברען נאפט, נאָר פאַרשיידענע איילן. נאָך דער באַאַרבעטונג פון נאפט בלייבט אַ געדיכטע ברען-פליסיקייט — מאַזוט. אַמאָל פלעגט מען זי אַרויסגיסן, ווי אַ זאַך, וואָס טויג נישט צו גאָרניט, היינט באַנוצט מען דעם מאַזוט אויף שיפן און פאַבריקן אַלס אַ ברענמאַטעריאַל. צו דעם ציל ווערט היינט אויסגענוצט אפילו ריינער נאַפטאַייל. ער איז ביליקער פון שטיינקוילן און גיט אַ גרעסערע וואַרעמקייט. נאַפטאַייל שטופּט ערטערווייז אַרויס שטיינקוילן פון געברויך. פון נאַפטאַייל באַקומט מען אויך פּאַראַפין, אַ זאַך, וואָס איז ענלעך צו וואַקס, און וועלכע ווערט אין היינטיקע צייטן זייער ברייט אויסגענוצט צו ליכט.

ווען אין באַקו האָבן אָנגעהויבן צו שפּריצן די ערשטע פאָנטאַנען, האָבן זיך פיל מענטשן אַ לאָז געטאָן גראָבן ברונימער, אָרעמע מאַטראָזן-טאָטערן האָבן פאַר זייערע לעצטע גראָשנס געקויפט ערד און געפּרוווט זייער גליק. און גאָר ניט זעלטן האָט זיך געטראָפן, אַז אין משך פון אַ האַלב יאָר איז נעכטיקער אָרעמאַן געוואָרן קורח רייך און איז שוין אַרומגעפאָרן אין קאָטשן.

נאָך אַזעלכע פאַנטאַסטישע צופאַלן האָט מען אומעטום אָנגעהויבן זוכן נאפט, נישט נאָר אין געגנט פון באַקו, נאָר אויך אויף אַנדערע ערטער אין קאַווקאַז. די זוכענישן האָבן זיך נישט איין מאָל איינגעגעבן. מיט דער לענג פון דער צפונדיקער זייט פון די קאַווקאַזער בערג ציִען זיך פיל נאַפט-

ברונימער. פּאָנטאַנען זענען אויך דאָ אויפן האלב־אינדזל טאַ־מאַן, אין קרים און אין דער געגנט פון קערטש.

V

און נאָך אַ ווינקל איז דאָ אויף דער וועלט, וועלכער איז נאָך געווען רייכער אין נאפט ווי קאווקאז. דאָס איז דער אמעריקאנער שטאַט פּענסילוואניע. פון דאָרט איז ארויס דער ערשטער ברען־נאפט. אין יענע צייטן, ווען בא אונדז האָט מען באקומען זייער ווייניק נאפט און מען האָט אים ניט געקענט אָפּרייניקן, האָבן פארמעגלעכע מענטשן זיך באַ־נוצט מיט אמעריקאנער נאפט, וועלכער האָט זיך נישט גע־שפּירט, נישט געראויכערט און געברענט פיל העלער, ווי אונדזערער.

דער נאפט איז אין פּענסילוואניע געוואָרן אנטדעקט צופעליק. אמת, אז פון לאנגע יאָרן האָט מען שוין דאָרט באמערקט אייל־שטאָפן, וואָס האָבן דורכגענעצט די ערד, קיי־נער האָט אָבער נישט געגלויבט, אז אין די ערדטיפענישן איז באַהאלטן גרויסע אוצרות פון נאפט־אייל. אין 1859 יאָר האָט איינער א פּערמער גענומען גראָבן א ברונים בא די בילדלעך שיינע ברעגן פון טייך אויל־קריק, נאָר אָנשטאָט וואַ־סער, האָט אין ברונעם אָנגעהויבן פליסן פיינער נאפט־אייל. דער פּערמער האָט גלייך אויסגעגראָבן נאָך עטלעכע ברונימער, און אלע זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט נאפט. פון אייניקע איז דער נאפט אריבער די ברעגן און איז געפלאָסן טייכנ־ווייז. נייגעריקע האָבן זיך צענויפגעזאַמלט, אָנצוקוקן דעם וווּנדער, און די שטילע ברעגן פון אויל־קריק זענען מיט אַ מאָל באלעבט געוואָרן.

עס זענען אריבער עטלעכע חודשים, און אלץ האָט זיך דאָ אָנגעהויבן צו באוועגן. טויזנטער מענטשן, גייציקע נאָך א

לייכטן פארדינסט, זענען זיך אהער אָנגעפאָרן פון אַלע עקן וועלט. הונדערטער סטאָלערעס האָבן געבויט הייזער, געוועלב־בער, סקלאַדן. א יאָר איז נאָך ניט אדורך, איז ווי דורך א כּישוף אויסגעבויט געוואָרן א שטאָט.

דער ערשטער מעכטיקער שטראָם נאפט האָט זיך באוויזן אין יאָר 1862. זיין אייגנטימער, שאו איז מיט א מאָל געוואָרן איינער פון די רייכסטע אויף דער וועלט. לאנגע חודשים האָט ער געגראָבן א ברונעם, האָט אויף דעם אויסגעגעבן זיין גאנצן פארמעגן און האָט קיין נאפט נישט געפונען. בא זיינע אַלע שכנים האָט דער נאפט געשלאָגן ווי פון א קוואַל, און נאָר ער איינער האָט קיין מזל נישט געהאט. א מענטש אן אביון, האָט ער שוין פארלוירן גאָר זיינע האָפנונגען. שאו איז דערגאנגען צו אזא אָרעמקייט, אז ער איז געגאנגען אפּ־געריסן און אין אויסגעטראָטענע שיך. פארברענגענדיק גאנצע־נע טעג אין פייכטקייט, האָט ער פארשטאנען, אז אזוי איז ווייטער אוממעגלעך צו ארבעטן. מיט הארצקלאפּעניש, איז ער אוועק אין געוועלב, נעמען זיך אויף באָרג א פּאָר שיך און אן אָנצוג, נאָר דער קרעמער האָט אים גאנץ פּשוט אָפּ־געזאָגט. קומענדיק צוריק, האָט ער באשלאָסן צוווארפן די ארבעט און אָנדינגען זיך פאר א טאָג ארבעטער. שאו האָט אָנגעהויבן צוזאמענצוקלייבן זיינע מכשירים. נאָר אונטער דער ערד האָט ער פּלוצלונג דערהערט א טומל, וועלכער וואקסט, ווערט שטארקער, און... אין זיין ברונעם באווייזט זיך נאפט! דער נאפט פליסט שוין אריבער דער גרוב און מען קען עס ניט פארהאלטן. די ידיעה איז זיך שנעל צעגאנגען אַרום און ארום און מען איז געקומען באגריסן דעם גליקלעכן שאו. אים איז געקומען אויך יענער קרעמער, וואָס האָט זיך נעכטן אָפּגעזאָגט אים אויסצובאָרגן א פּאָר שטיוול. און מיטן נאפט האָט זיך א שאָט געטאָן אין זיינע קעשענעס גאָלד.

מענטשן האָבן זיך א לאָז געטאָן גראָבן ברונימער און בויען פאבריקן. נאָר קיינער האָט ניט געזאָרגט וועגן די אונ־טערערדישע אוצרות: דעם גאנצן נאפט האָט מען נישט געקענט צונויפזאמלען, און מאסן זענען פארלוירן געגאנגען. עס זענען אדורך עטלעכע צענדליק יאָר, און מען האָט שוין מורא, אז דער נאפט אין פענסילוואניע גייט צו ענדע. ער טרעט שוין אָפּ זיין אָרט פאר קאווקאז. נאָר ווער עס ווייסט, ווי אומפּאָר־זיכטיק און נישט אויסגערעכנט מען באגייט זיך מיטן נאפט אין באקוער געגנט, דער הויבט אָן צו טראכטן וועגן דעם, אז די נאפט־פּראָדוקציע וועט אויסגעלאָשן ווערן פונקט אזוי שנעל, ווי זי האָט זיך צעבליט, און דער עלעקטרישער לאָמפּ וועט מוזן פאַרנעמען דעם אָרט פון נאפט־לעמפל.

נישט לאנג אָבער צוריק איז אין פערגאנער געביט, לעבן דער שטאָט נאמאגאנא, אנטדעקט געוואָרן נייע נאפט קוועלן. אין 1903 האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שפּריצן דער ערשטער פאָנטאן, ער ארבעט מיט איבערייסונגען: ווארפט ארויס א זייל נאפט און בלייבט שטיין, דערנאָך ווידער דאָסזעלבע, און אזוי אלע 12—15 מינוט. אין מעת־לעת גיט ער ביז 20.000 פּוד נאפט. מען צווייפלט ניט, אז אין גיכן וועט זיך דאָרט באווייזן איין פאָנטאן נאָכן אנדערן, און די געגנט וועט ווערן באלעבט.

VI

פון די פסולת פון נאפט, פון דעם מאזוט, באקומט מען אספאלט, אזא גערדיכטע סמאָליקע מאסע, וועלכע מען באנוצט צו טראָטוארן און פּאָדלאָגעס.

אין נאטירלעכן געשטאלט באקומט מען זייער פיל אס־פאלט אין דעם ים־המלח. דער ים־המלח איז א גרויסע גע־זאלצענע אָזערע. עס פאלט אין אים אריין דער טייך ירדן,

וועלכער פליסט דורך בילדלעך שיינע און באלעבטע ערטער ניט זייער לאנג צוריק האָט מען נאָך געהאלטן דעם ים־המלח פאר איינע פון די טויטסטע און טרויעריקסטע געזאלצענע אָזערעס, צוליב וואָס מען האָט אים א נאָמען געגעבן דער טויטער ים. לויט די פריִערדיקע רייזנדער, זענען זיינע ברעגן באדעקט מיט שיטנדיקן זאמד און זאלץ און שטעלן מיט זיך פאָר א מידבר, אויף וועלכן מען זעט ניט קיין גרעזעלע. איבער דער אָזערע טראָגן זיך שטיקנדיקע גאזן, און קיין איין פויגל וואגט ניט צו דערפליִען צום מיטן פון ים. מענטשן, וואָס האָבן געפּרווט צו שיפן זיך איבער דעם ים־המלח, זענען אָדער אומגעקומען אין זיינע וואסערן, אָדער דערנאָך געשטאָרבן פון שווערע קראנקייטן. די אלע דערציילונגען האָבן זיך אָבער ארויסגעוויזן פאר מעשהלעך. אמת, אין די וואסערן פון דעם געזאלצענעם ים איז נישט מעגלעך קיין לעבן, נאָר דאָך איז ער ניט אזוי שרעקלעך, ווי מען האָט אים פאָרגעשטעלט. אָט וואָס עס דערציילט א רייזנדער, וועלכער האָט ניט לאנג צוריק די אָזערע באזוכט: „איך מוז זיך מודה זיין, אז איך בין געווען אינגאנצן אונטערן איינדרוק פון די דערציילונגען, וועלכע איך האָב זיך אָנגעלייענט וועגן דעם ים־המלח. איך האָב דערוואַרט צו דערזען א געמישעניש פון וואלקאנישע לאווע, צו דערשפּירן א ריח פון שוועבל... עס הויבט זיך אָבער גאָר ניט אָן. דאס אלץ האָט נאָר געלעבט אין דער פאנטאזיע פון די פריִערדיקע רייזנדער. איך האָב זיך ארויפגעקליבן אויף איינעם פון די ברעגיקע פעלדזן. פאר מיר האָבן זיך אנטפּלעקט די טונקל בלויע וואסערן פון געזאלצענעם ים, וואָס האָבן זיך לייכט געזילבערט קעגן דער זון. מיט א שמאָל שטעגעלע האָב איך זיך אראָפּגעלאָזט און צו אָוונט געווען באם ים. באם סאמען וואסער האָבן געבליט ליליעס, א ביסל ווייטער זענען געוואָקסן קשאקעס; שלימאקעס,

יאשטשערקעס און מייז זענען דאַ געווען לרוב״.

שוין פון לאַנגע צייטן האָט מען באמערקט אין ים־המלח נאפט. דער נאפט פליסט שטראָמענווייז אין דער אָזערע, און בא די ברעגן ליגן פאכן אספאלט. מאסן אספאלט באקומט מען אָבער אין אמעריקע. פון אספאלט מאכט מען פאראפין, וואָס מען נוצט אויסצואַרבעטן ליכט.

פון וואנען אָבער האָט זיך גענומען דער נאפט און אספאלט אונטער דער ערד, דאס קען נאָך קיינער אויף גע־וויס ניט דערקלערן. אייניקע מיינען, אז זיי זענען געוואָרן פון איבערגעפוילטע געוויקסן און בעלי־חיים, אנדערע רעכענען, אז זיי קומען ארויף פון די טיפענישן פון דער ערד, פון דאָרטן, וואו נאָך ביז היינטיקן טאָג איז די ערד א צעשמאָל־צענע פליסיקייט.